# סצענע 3 א׳
# Escena 3 A

## רייזל לערנט זיך קאָכן
## Reizl aprende a cocinar

גיסעביילע - גוט רייזעלע. איצטער זײַנען מיר שוין אין קיך.
נעם אַ פֿאַרטוך, מײַן שיין אייניקל, און לאָמיר אָנהייבן קאָכן.

רייזל - זייער גוט באָבע, איך בין שוין גרייט.

גיסע ביילע - כּדי צו קאָכן, די כּלים דאַרפֿסטו קענען און אַזוי, קיינעם נישט פֿאַרשעמען.

אַ לעפֿל, אַ גאָפּל, אַ מעסער זײַנען גרייט
צו עסן, צו שנײַדן, אויפֿן טעלער, מען פֿאַרשטייט.

אַ טיי איז זייער וויכטיק, אַ זאַפּט, אַ ביסל וואַסער.
ווי אַזוי וועט מען דאָס טרינקען ? אין אַ גלעזל, אַלע, אַלע.

גיסע ביילע - אין שטוב דאַרף מען אויך האָבן, אַן אײַזקאַסטן, מײַן קליינע, די קאַלטע זאַכן דאָרטן אַרײַנשטעלן זייער ריינע !
אויפֿן טיש זײַנען שוין גרייט, אַ פֿאַטעלניע, צו פּרעגלען
אַ שיסל צו זידן און אין אויוון גייט אַרײַן, דאָס געבעקס, זייער פֿײַן !!!